**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................4:53

מוצאי שבת קודש............6:25

**שיעורים כסדרן**

נ"ך...................שיר השירים א'

בבלי.......................מנחות י"ג

ירושלמי..................גיטין ד'

תוספתא..................ברכות ד'

רמב"ם....מלכים ומלחמותיהם ג'


# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת בשלח, שבת שירה, י"ג שבט, שנת תשפ"ו לפ"ק

שנה 15, גליון 18 (736)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן, וַיָּבֹא עֲמָלֵק וַיִּלָּחֶם עִם יִשְׂרָאֵל בִּרְפִידִים. גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, אִיז גֶעקוּמֶען עֲמָלֵק מִלְחָמָה צוּ הַאלְטְן מִיט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא, הוּבָא בְּרַשִׁ"י שְׁמוֹת יז, ח), אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ וַוייטֶע וֶועג מִיט זַיין קִינְד, דָאס קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ מֶער צוּ גֵיין הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶענוּמֶען אוֹיפְ'ן אַקְסְל, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן קִינְד אוֹיפְ'ן פְּלֵייצֶע, גֵייעֶנְדִיג אוֹיפְ'ן וֶועג זֶעט דָאס קִינְד וִוי אֵיינֶער פַּארְקוֹיפְט גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע עֶר זָאל אִים גֶעבְּן עֶסְן אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֶסְן, גֵייעֶנְדִיג וַוייטֶער בֶּעט עֶר זַיין טַאטֶע אַז עֶר דַארְף טְרִינְקֶען אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעקוֹיפְט אַ טְרִינְק, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט אַלֶעס וָואס דֶער קִינְד הָאט גֶעזֶען, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע זָאל אִים דָאס קוֹיפְן אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים אַלֶעס גֶעגֶעבְּן, גֵייעֶנְדִיג וַוייטֶער הָאט דָאס קִינְד גֶעזֶען אֵיינֶעם גֵיין אוּן הָאט יֶענֶעם גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְט אֶפְשָׁר גֶעזֶען מַיין טַאטֶע? אִיךְ וֵויס נִישְׁט וואוּ מַיין טַאטֶע אִיז!" וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דָאס קִינְד פוּן זַיין אַקְסְל, אִיז גֶעקוּמֶען אַ הוּנְט אוּן גֶעבִּיסְן דָאס קִינְד.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, עֶר הָאט זֵיי גֶעווִיזְן דִי גְרוֹיסֶע ווָאונְדֶער, עֶר הָאט גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן מָן פוּן הִימְל, דִי בְּרוּנֶעם וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ?" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְגֶעסְן פוּן אוּנְז? גְלַייךְ הָאט פַּאסִירְט דִי פַּרְשָׁה מִיט עֲמָלֵק, וַיָּבֹא עֲמָלֵק אוּן עֶר הָאט גֶעבִּיסְן דִי אִידְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ'ן מִיט אוּנְז אַז אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן קָאפְּדְרֵייעֶנִישְׁן קוּמְט פוּן עֲמָלֵק; עֲמָלֵ"ק בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי סָפֵ"ק, דֶער עִיקָר פוּן עֲמָלֵק אִיז אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אִינֶעם מֶענְטְשׁ: 'וֶועל אִיךְ נָאךְ הָאבְּן אַ תַּקָּנָה?' 'קֶען אִיךְ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן?' 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר נָאךְ הָאבְּן?' 'וֶוערְן מַיינֶע תְּפִלּוֹת אוֹיךְ אָנְגֶענוּמֶען?' דָאס אַלֶעס אוּן נָאךְ בְּרֶענְגְט עֲמָלֵק אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מִיט אִים אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן"; אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם שְׁטֵייט "וַיָּבֹא עֲמָלֵק".

אַז מִיר וֶועלְן אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים וֶועלְן מִיר רִיכְטִיג מְקַיֵּים זַיין דֶעם מְחִיאַת עֲמָלֵק; אַז מִיר וֶועלְן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז אוּן נֶעבְּן אוּנְז אוּן עֶר הֶערְט צוּ אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תש"פ)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער. דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים כ', י"ט) "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה" - אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַסַאךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַ בּוֹים וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן.

### זִיךְ דֶערְהַאלְטְן

אוֹיף אַ בּוֹים גֵייט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צַייטְן, עֶס וֶוערְט ווִינְטֶער, עֶס קוּמֶען שְׁוֶוערֶע ווִינְטְן, הָאגְל, שְׁנֵיי, אַלֶע בְּלֶעטֶער פַאלְן אַרָאפּ, דֶער בּוֹים וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דוּרְךְ מַאכְן. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, עֶר וֵוייסְט אַז בַּאלְד וֶועט קוּמֶען זוּמֶער אוּן דִי זוּן וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְלֶעבְּן, מַאכְט עֶר עֶס דוּרְךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט שְׁטֵיין אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

אוּן אֲפִילוּ זוּמֶער קוּמֶען אוֹיךְ דִי הִיצְן וָואס טְרִיקֶענֶען אוֹיס דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פַארְטְרִיקְנְט, אָבֶּער אוֹיבּ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֵיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אַ

<<<<<<

## א גוט ווארט

יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער דַחְקוּת אִין פַּרְנָסָה, מֶען צֶעקְוֶועטְשְׁט דִיךְ פוּן אַלֶע זַייטְן, זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוֹיבּ דוּ הָאסְט אֵיינֶעם וֵויי גֶעטוּן אָדֶער אֵיינֶעם פַארְשֶׁעמְט, אוּן זִיךְ מְקַבֵּל זַיין נִישְׁט צוּ וֵויי טוּן קֵיינֶעם, נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, וּבְעִקָּר נִישְׁט רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע, אוּן וֶוען דוּ בִּיסְט בַּיי אַ שְׁמוּעֶס וָואס מֶען בַּארֶעדְט אַ דְרִיטְן – זָאלְסְטוּ פַארְדְרֵייעֶן דִי שְׁמוּעֶס, אָדֶער אַוֶועק גֵיין, וַוייל "מַחְלוֹקֶת אַחַת דוֹחֶה מֵאָה פַּרְנָסוֹת", מַחְלוֹקֶת שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי שֶׁפַע.

בְּעִיקָר דַארְפְן מִיר אַלֶע תְּשׁוּבָה טוּן וֶוען מֶען וֵוייסְט מַעֲשִׂיּוֹת וָואס זֶענֶען אֶמֶת, מֶען וֵוייסְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס אֵיינֶער הָאט אֵיינֶעם בַּאגַנְבְ'עֶט, בַּאעַוְלְ'ט, אוּן מֶען רֶעדְט, מֶען קָאכְט זִיךְ אוּן מֶען הַאלְט יֶענֶעם פָאר, אֵיי 'מִי שָׂמְךָ לְאִישׁ?' וֶוער הָאט דִיךְ גֶעפְרֶעגְט? זָאל שִׁמְעוֹן רוּפְן רְאוּבֵן צוּ דִין תּוֹרָה, וִוי קוּמְט לֵוִי שְׁרֵייעֶן אוּן פַארְשֶׁעמֶען וְכוּ' וְכוּ'? מִיר דַארְפְן בֶּעטְן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז מִיר וֶועלְן דַארְפְן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָארְט וֶועט מֶען אוּנְז פָארְהַאלְטְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים, נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס מַעֲשִׂים, מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, פַארְרֶעכְטְן אוּנְזֶער לֶעבּוּ. והבו למעשׂה.

(עצתו אמונה בשלח תשפ"ו)

**אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# צַוָּואַת מוֹהֲרָ"א"ש

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ קוּמְסְט אָפּ אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת מִיט דֶעם, דוּ וֶועסְט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי בְּרִיעֶן אִין גֵיהִנוֹם. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אַמָאל גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן מֶען פִירְט אִים אַרִיבֶּער דִי טִירְן פוּן גֵיהִנוֹם, עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁרֶעק אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן: "גֶעוַואלְד! רַאטֶעוֶועט! טְרָאגְט מִיךְ אַוֶועק פוּן דָא!" בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פְלִיעֶן אַ מַלְאָךְ אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "זוּשָׁא, וָואס שְׁרַייסְטוּ?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ צִיטֶער אוּן אִיךְ שְׁרֶעק זִיךְ פוּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁטְרָאפְן וָואס קוּמֶען פָאר דָא אוֹיבְן אִין גֵיהִנוֹם", הָאט אִים דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: "נֵיין זוּשָׁא, דָאס אִיז נִישְׁט פַאר דִיר, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ גֶענֶענְדְל, דוּ קוּמְסְט אַלֶעס אָפּ אוּנְטְן".

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי לִיבּ דִי צַוָּואָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, מֶען קֶען דָאס לֶערְנֶען אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּפְרַט דִי פָּאר שׁוּרוֹת (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יד): מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל יִסוּרִים אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְן, אָן קַיין גֻּזְמָא. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵויינְט פוּן דִי פִילֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן אַלֶע זַייטְן, פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם אַז בָּרוּךְ ה' אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן אִיךְ בִּין נָאר אַנְטְלָאפְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דָאס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיבֶּערְקוּמֶען מַיינֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע, אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְקְט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא): "צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָּה? שֶׁהַיִּסוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר שִׁיקְט אִים יִסוּרִים. פַארְוָואס? וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סִפְרֵי וָאֶתְחַנַּן): "יְהֵא אָדָם שָׂמֵחַ בְּיִסוּרִין יוֹתֵר מִן הַטּוֹבָה, שֶׁאִילוּ הָאָדָם בְּטוֹבָה אֵין נִמְחָל לוֹ עָוֹן שֶׁבְּיָדוֹ, וּבְיִסוּרִין נִמְחָל לוֹ" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסוּרִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט וִוי מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גוּטְס וֶועט עֶר מִיט דֶעם נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט יִסוּרִים וֶועט דָאס אָפְּמֶעקְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תשפ"ה)

>>>>>> מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן, אַסַאךְ מָאל זֶעט אִים אוֹיס וִוי עֶר הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, עֶר קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דוּרְךְ טְרָאגְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ גֵיין אַבִּיסְל בֶּעסֶער, קוּמֶען פְרִישֶׁע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר ווִיל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּן. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶועט אִים צוּם סוֹף גוּט זַיין.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶועט אִים צוּם סוֹף זַיין גוּט.

## זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, מֶענְטְשְׁן שְׁפֵּייעֶן אוֹיף זֵיי, שְׁטוֹיסְן אוֹיף זֵיי, מֶען וַוארְפְּט אוֹיף זֵיי שְׁמוּץ, מֶען גִיסְט זֵיי אָן מִיט וַואסֶער, אָבֶּער דֶער בּוֹים דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטְס, טוּט עֶר נָאךְ צוּרִיק גוּטְס, עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס פֵיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע פְּרוּכְט מִיט וָואס יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּה.

דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאכְמַאכְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, מֶען מַאכְט אִים צָרוֹת, מֶען דֶערְנִידֶערְט אִים, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר וַוייטֶער טוּן טוֹבוֹת אוּן גוּטְס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

מֶען זֶעט אַז אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם נִסָּיוֹן, מֶען הָאט זֵיי פַארְשֶׁעמְט אוּן אַרָאפּ גֶעקוּקְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן נָאר זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער צוּרִיק גֶעגֶעבְּן נָאר גוּטְס, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט סְפָרִים מִיט וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ מְחַיֶּה.

## זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן גְרוֹיס

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, אַז דִי וָוארְצְלֶען פוּנֶעם בּוֹים גֵייעֶן אַרַיין טִיף אִין דֶער עֶרְד, אוּן וִוי טִיפֶער זֵיי זֶענֶען אִין דֶער עֶרְד, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אוּן בֶּעסֶער הַאלְט זִיךְ דֶער בּוֹים, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען נָאר פוּן אוֹיבְן אוֹיף, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג טִיף אִין דֶער עֶרְד, דַאן אִיז דֶער בּוֹים זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע ווִינְט וֶועט עֶס אַוֶועק בְּלָאזְן דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אִים.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן גְרוֹיס, עֶר וֶועט וַוייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וִוי גוּט אוּן גֶעלוּנְגֶען עֶר אִיז, אוּן עֶר וֶועט אַרָאפּ קוּקְן אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר צוּם סוֹף פַאלְן, וַוייל יֶעדֶער וֶועט אִים פַיינְט הָאבְּן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אוּן קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף יֶעדְן.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאהַאלְט אָבֶּער זַיינֶע גוּטֶע מַעֲלוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדֶער לִיבּ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אוּן שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

## נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ טֶבַע אִין אַ בּוֹים אַז יֶעדֶע בּוֹים צִיט זִיךְ אַלֵיין זַיין לֶעבְן פוּן דֶער עֶרְד אוּן קַיין אֵיין בּוֹים צִיט נִישְׁט פוּן אַ צְוֵוייטְן בּוֹים, פוּן יֶעדֶע בּוֹים וַואקְסְט אַרוֹיס אַנְדֶערֶע מִינֵי פְּרוּכְט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, קַיין אֵיין בּוֹים מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין אַ צְוֵוייטְן, נָאר עֶר זָאל צִיעֶן זַיין לֶעבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. וָואס עֶר דַארְף זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

וַוייל װען אַ מֶענְטְש קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵויטְן, סֵיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, סֵיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז עֶרְגֶער פוּן אִים, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין גוּט.

װען עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן אִים, וֶועט עֶר טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, וַוייל עֶר זֶעט דָאךְ אַז יֶענֶער קֶען בֶּעסֶער. אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְש קֶען עֶפֶּעס אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן מִיטְן טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער, וֶועט עֶר נִישְׁט טוּן אֲפִילוּ וָואס עֶר קֶען יָא טוּן.

אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז בֶּעסֶער פוּן יֶענֶעם, וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט, וַוייל עֶר וֶועט אֵייבִּיג טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד פוּן יֶענֶעם, וַוייל עֶר אִיז מֶער חָשׁוּב פוּן יֶענֶעם, אוּן מֶען דַארְף מַאכְן מֶער אַ עֵסֶק פוּן אִים, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים עֶס נִישְׁט גֶעבְּן, וֶועט עֶר וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג.

דֶערְפַאר אִיז דִי עֵצָה, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵויטְן, אוּן עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער טוּט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר קֶען יָא.

וואוֹיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְש וָואס גֶעדֶענְקְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי וִוי דֶער בּוֹים, אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ דִי אַלֶע זַאכְן פוּנֶעם בּוֹים וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנֶט, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיסְוַואקְסְן וִוי אַ שְׁטַארְקֶע שֵׁיינֶע בּוֹים, אוּן אַרוֹיס גֶעבְּן גוּטֶע זִיסֶע פְּרוּכְט פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס ט"ו בִּשְׁבַט)

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (רלח)

**תשצב**

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי נָתָן, "בִּיסְט פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת?", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ בִּין אַמָאל פְרוּם [עֶרְנְסְט]", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, דֶער עִיקָר אִיז שִׂמְחָה".

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י"ז) אִיבֶּער דֶעם אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג אוּם שַׁבָּת, זֶע דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִינֶעוֵוייִנִיג.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אוֹיךְ אַז אֲפִילוּ דִי "יִרְאָה" וֶוערְט בְּעִיקָר דֶערְהוֹיבְּן דוּרְךְ זִיךְ פְרֵייעֶן שַׁבָּת, דָאס הֵייסְט אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דַוְקָא דָאס דֶערְהוֹיבְּט דִי יִרְאָה, וָואס מֶען רוּפְט "פְרוּם".

דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט אִין דִי הֵיילִיגֶע שְׁמוּעֶסְן אוּן עֶר הָאט גֶע'מוּסָר'ט אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן סְפֶּעצִיעֶל רֶבִּי נָתָנ'ְן, זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן גוּט אוֹיפְגֶעלֵייגְט אוּם שַׁבָּת, וִוי מֶער הֲנָאָה הָאבְּן מִיט פַארְגֶענִיגְן אוּם שַׁבָּת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן דָאךְ (בֵּיצָה ט"ז.) אַז אַלֶע אוֹיסְגַאבְּן פוּנֶעם מֶענְטְש וֶוערְן בַּאשְׁטִימְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוֹיסֶער דִי הוֹצָאוֹת פוּן שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים", דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אֲפִילוּ אַ

<<<<<<

### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וִויפִיל אַזֵייגֶער גֵייט מֶען שְׁלָאפְן?




*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען לֶעצְטְנְס וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט עֶטְלִיכֶע מָאל אַז דִי עֵצָה אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְרִי, אִיז צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס מֵיינְט גֵיין שְׁלָאפְן 'פְרִי', וַוייל אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן עֶטְלִיכֶע טֶעג בְּעֶרֶךְ אוּם עֶלְף אַזֵייגֶער, אָבֶּער אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צֵייטְלִיךְ, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ גֵיין שְׁלָאפְן נָאךְ פְרִיעֶר.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ פְרֶעגְן אַזַא שְׁאֵלָה, אָבֶּער וָואס קֶען אִיךְ טוּן, תּוֹרָה הוּא וְלִלְמוֹד אֲנִי צָרִיךְ, אִיךְ וִויל וִויסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ לֵייגְסְט זִיךְ פְרִי שְׁלָאפְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין אִין צַייט.

אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט אוּן נָאר אַפָּאר טֶעג גֵייט מֶען שְׁלָאפְן פְרִי – אִיז דָאס נִישְׁט גֶענוּג צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין אִין צַייט, מֶען דַארְף אָנְהַאלְטְן אַ שְׁטִיק צַייט, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אֵיידֶער דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "**כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ**", דֶער וָואס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן, גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים; דֶער יֵצֶר הָרָע, דֶער מַלְאַךְ הַמַּזִּיק וֶוערְט אוֹיס דוּרְךְ קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה, עֶר הָאט מוֹרָא פוּן דֶעם. נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם): "**כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ כְּאִילוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִיּוֹת בְּיָדוֹ**", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הַאלְט אַ מֶעסֶער וָואס אִיז שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן, אוּן אַזוֹי הַרְגְ'עט עֶר אוֹיס אַלֶע מַזִּיקִים, אוּן נָאךְ זָאגְן זֵיי (בְּרָכוֹת ח:), רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: "**אַל תֵּשְׁבוּ עַל מִטַּת אֲרַמִּית**", אִיר זָאלְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אִין אַ גוֹי'אִישֶׁע בֶּעט, זָאגְט דִי גְמָרָא עֶטְלִיכֶע פְּשָׁטִים וָואס דָאס מֵיינְט, דִי עֶרְשְׁטֶע פְּשַׁט אִיז: "**לֹא תִּגְנוּ בְּלֹא קְרִיאַת שְׁמַע**", עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין בַּיים גֵיין שְׁלָאפְן, רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין בֶּעט, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ אַיינְשְׁלָאפְן. דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט בַּיים גֵיין שְׁלָאפְן אוּן בַּיים אוֹיפְשְׁטֵיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ו, ז): "**אַשְׂחֶה בְכָל לַיְלָה מִטָּתִי**", אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִין בֶּעט; אַזוֹי אִיז דִי שְׁלָאף אַ הֵיילִיגֶע שְׁלָאף, אוּן בֶּעט זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"ו)

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

פָּשׁוּטֶער בַּאלֶעבָּאס פְרֵיידְט זִיךְ שַׁבָּת מִיט זַיין פִּישׁ, מִיט זַיין זְשׁוּפִּיצֶע".

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט צוּ רֶבִּי נָתָן, "יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן פַּארְוָואס צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג", דָאס הֵייסְט אַז אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי אַזוֹי שְׁטַארְק הָאט גֶערֶעדְט און פָארְגֶעהַאלְטְן אַז שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, קֶען שׁוֹין רֶבִּי נָתָן וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג חַס וְשָׁלוֹם פוּן דֶעם אַלֵיין, אַז מֶען דַארְף דָאךְ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם.

פַּאקְטִישׁ אִיז דָאס גֶעוֶוען מַמָּשׁ וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט דֶעמָאלְט גֶעטְרַאכְט, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן אוּן דַאֲגָה'ן וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת, אוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט "יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן פַּארְוָואס צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג", הָאט אִים זֵייעֶר בַּארוּאִיגְט אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אַז עֶר זָאל כָּאטְשׁ נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג פוּן דֶעם אַלֵיין אַז עֶר אִיז מְחוּיָּב צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת.

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'ן, "אִיךְ וִויל אוּן אִיךְ בַּאגֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת", וִוי צוּ זָאגְן אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, הָאט עֶר כָּאטְשׁ אַ בֶּענְקֶענִישׁ אוּן אַ גְלוּסְט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּם עוֹלָם, "אִיר הֶערְט וָואס עֶר זָאגְט?"

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אוֹיךְ גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז זֵיי זָאלְן זִינְגֶען אַסַאךְ זְמִירוֹת שַׁבָּת, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם וָואס זִיצְט בַּיים טִישׁ וָואס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס שְׁמֶעקְט זֵיי נִישְׁט דָאס זִינְגֶען זְמִירוֹת, נָאר מְ'זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אוּן פִירְן דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת טִישׁ מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

דֶער רֶבִּי הָאט אַרוּמְגֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז מֶען זָאל זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת פָּשׁוּט מִיט תְּמִימוּת, אוּן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַּשְׁטוּת אוּן תְּמִימוּת, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יודא פריינד** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **אברהם טיקאלסקי** הי"ו דזשערסי סיטי
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **בצלאל לונצער** הי"ו לאנדאן
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **לייבי אפפעל** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **נחמן יאקאבאוויטש** הי"ו צפת
**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**
החתן **שמעון** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יצחק ראטה** הי"ו בית שמש

***

מו"ה **חיים פריש** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די אפשערן פון זיין זון יוסף נ"י למזל טוב**

# סעודת הילולא פון מוהרא"ש זי"ע אין מאנסי

אנשי שלומנו גרייטן זיך צום גרויסן טאג י"ז שבט, ווען עס פאלט אויס די יארצייט פון אונזער גרויסן רבי, מוהרא"ש זי"ע. ווי יעדעס יאר וועט מען אויסנוצן די געלעגנהייט צו שטיצן משאת נפשו, שטיצן דאס דרוקן און מפיץ זיין די הייליגע ספרים וואס ער האט געשריבן במסירות נפש פאר איבער פופציג יאר. די ספרים און קונטרסים וואס זענען מחי' אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט.

די הייליגע ארבעט ווערט אויסגעפירט דורך די איבערגעגעבענע און געטרייע קרן הדפסה היכל הקודש, וועלכע שפארן נישט קיין פלאג און מיה צו ערמעגליכן אז די רייכע ירושה פון מוהרא"ש זאל ווייטער ממשיך זיין ביתר שאת וביתר עז. דורך זייער ארבעט ווערט ווייטער פארשפרייט די הייליגע לימודים און עצות אויף אלע סארט וועגן, מען דרוקט קונטרסים, ספרים, גליונות און נאך פילע מיטלען, אלעס מיט'ן ציל צו פארשפרייטן פאר נאך מענטשן די עצות און התחזקות פון הייליגן רבי'ן, וואס קען העלפן און ראטעווען יעדן איד אין יעדן מצב.

קרן הדפסה וועט היי יאר אפרעכטן די סעודת הילולא מיט א מסיבת הכרת הטוב קומענדיגע וואך דינסטאג פרשת יתרו, אין וועלי טערעס אויף 121 קאלעדזש ראוד אין מאנסי. די מסיבה וועט זיין א געלעגנהייט פאר אנשי שלומנו זיך צוזאמצונעמען לכבוד יומא דהילולא, זיך צו דערמאנען פון מוהרא"ש, און זיך אויפפרישן מיט זיינע עצות און זיינע ספרים.

פתיחת שערים איז 7:45. דער יושב ראש המעמד וועט זיין דער טאלאנטפולער אינגערמאן מו"ה אליעזר זוסיא ווערטהיימער הי"ו, וועלכער וועט פירן דעם אווענט מיט זיין געשמאקע שפראך.

דער אורח הכבוד וועט זיין דער דינאמישער רעדנער מו"ה מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו, אום 8:30, וועלכער וועט אויפפלאמען די הערצער מיט זיין רעטארישער קראפט. מען וועט הערן דעם דבר המוסד פונעם גבאי מו"ה לייבי ראטה נ"י, וועלכער וועט איבערגעבן א קורצע איבערזיכט וועגן די ארבעט פון קרן הדפסה, און די לעצטערע נייעס און פראיעקטן.

דערנאך וועט געטיילט ווערן ווערטפולע פרסים פאר אלע תומכים, אלס א סימן פון הכרת הטוב פאר אלע שטיצער. ביים משא המעמד וועט מען הערן דברי התחזקות והדרכה פונעם ראש ישיבה שליט"א, וועלכער וועט מחזק זיין דעם ציבור זיך צו האלטן שטארק אין אמונה און תפלה, און ווייטער ממשיך זיין אויף דעם וועג פונעם בעל הילולא מוהרא"ש זי"ע.

ברכת המזון אום 10:45. א שיינע מתנה וועט צוגעטיילט ווערן פאר אלע משתתפים, א ווערטפולע מתנה פון קרן הדפסה.

**תאו והתכנשו להילולא קדישא**


## שלעכטיגקייט

**פון וואו קומט שלעכטיגקייט? ווי אזוי קען איך עס ארויסנעמען פון מיר און ווערן א גוטער מענטש, מאכן פריילך יעדן ארום מיר**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 1, 65**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**